# מײַן
# אַמאָליקע הײם

שמואל סאַלוואַסער

געווידמעט די קדושים פון
מיין שטעטל קלימאָנטאָוו

מיין אמאליקע היים:



שמואל גאָלדוואַסער

תל־אביב 1966

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

ויקומו כל בניו וכל בנותיו לנחמו,
וימאן להתנחם.

(וישב ל"ה)

יעקב, צו זיינע זין — —
דאס אָרט, אויב איר ווייסט,
פון אַ געבליעבענעם אבר ?
וועל איך געפונען אַ טרייסט.
ווען דאָס ברענגען צו־קבר.



94-828699

## וואס דערציילט אונז די פאעמע?

ניט צו שילדערן דאס "געוועזענע" בין איך אויסן, נאר ווייזן דאס "שטעטל" בכלל אזוי ווי מיר האבן עס געלאזן, מעגליך; אז א דאנק וואס מיר לעבן אין א העברעען ניווא וועלן מיר זען ביי אונז די טיפן - אלס, קומי-טראגישע, און זיי וועלן זדיאר ארויס רופן א שמייכל... די פאעמע פירט אונז אריין אין די סביבה, צווישן וועלכע מיר זענען געווען איינגעגלידערט און דאדורך א טייל פון יענע. די שילדערונג האט ניט דעם ציל צום דינען נאר די היסטאריע אין פערגלייך מיט די ספרי-הזכרון, ווו שטעטישע אין ישראל ווידמן דעם חורבן פון זיירע קהלות. די פאעמע אין די קליינע בראשור דער-מעגליכט אונז צו בענקן נאך יענע, וועלכע זענען ווי ציטווייליק ווייט פון אונז, אזוי, ווו ביי יעדער געלעגענהייט, ווי געזאגט - "אי אין פריידן אי אין ליידן" פילען אז זיי עקזעסטירן נאך און לעבן ווי אמאל ...

רמת-גן, ישראל

דער מחבר



די שוהל



קדוש לבנה

## מיין אמאליקע היים:

גלויבט ניט וואָס מען זאָגט.
צו־וואָס גיכן טרערן?
די, וועלכע איר באַקלאָגט,
קאָנט איר זען און הערן.

ווו נאָר איך גיי
און ווו איך קום,
בין איך מיט זיי,
רינגלען מיך אַרום.

ניט נאָר אין חלום,
אויך אויף דער וואך,
דערלאַנגען זיי „שלום”
דערשיינען, מיט אַ לאַך...

כ'זע זיי אין שטוב,
אויך אין גאַס,
מ'הוזקט פון זיך אָפּ,
מ'טרייבט שפּאַס...

כ׳זע זיי אין קראָם,
אויך ביי די שטעלן
כ׳זע זיי אומעטום,
אויף ווייטע, ווייטע מיילן.

אַט זיצען די טאַנדייטער
אין די גויעשע וועגן,
די זוידעס, צווישען די לייטער,
באַוואָרענט פון רעגן.

געטוליעט אין בורקעס,
וואס מיר רעגן ווינט?
די הויזן, די קורטקעס,
ניט פאַרנעצט ווערן אַצינד.

פון אַ רעגענדיקען יאַריד,
צו־מאל, ניט אויסגעפּאַקט,
געקומען צעבראכען, מיד.
ערגער ווי האָלץ געהאַקט...

דאָך גיט מען אַ לויף
אין שול, צו מנחה.
אָפּצאָלן אים... דעם חוב
אַ קדושה, אַ ברכו.



מארע־וואסער מיט סאק

אוועק געגעבען ס׳זייניקע!
ווען ס׳קומט אַ טאג אַ שיינער
נעם זיך אָפּ ס׳מייניקע...
אָט קומט אַ יאריד אַ נייער.

אָט זיצט דער שוסטער,
צוזגעוואַקסן צום בענקל,
שטעכט אין לעדער,
ביי אַ לעמפּל טונקל.

די אויגן פאַרלאָפן,
אַ דראַטווע דרייט.
די חזיר־האָר, געטראָפן,
אַ לאַטקעלע געלייגט.

שטייט אויף באַגינען,
קוים, עס טאָגט.
ביים ערשטן מנין,
אַ קאַפּיטל תהלים געזאָגט.

אַ בליק אויף אַ ווייל,
אַ געוועלב אין ראָג,
זעט, ס׳אַראַ אוסוואַל...
סאָדע־וואַסער מיט סאָק.

ווייטער אין גאַס,
מיט בלעכערנע שעפּ.
זויערע אוגערקעס אַ פּאַס,
ראָסל אין טעפּ.

ביי אַ סטראַגאַן אין ראָג,
זעמל, בייגל, חלות.
אַ יידענע טרייבט אַ באָק,
ער מאכט זי ב׳דלות...

אָט בילדעט זיך אַ גרופּע
אַרום דעם אפּקורס,
רחמנה לצלן אַ קליפּה
שטעקט אין זיינע תורות.

געוואַלטעוועט אַ בעל אמונה
האַלט אָב אַ וכוח,
ניט קיין פּאלעסטינע!
נאָר וואַרטען אויף משיח.

פון צווייטער זייט מאַרק,
ווו ס׳הויז פון גביר,
שכנים קריגן זיך שטאַרק
דאָרט, טיר ביי טיר,

זידלען און שעלטן,
א מאָל אויך קלעפּ,
צווי קאָנקורענטן,
מיט קאָלעך און טעפּ.

אין מאַרק, ביי א וואָגן.
מיט א שטעקן, א מאָס,
נעמט זיך א גוי קלאָגן
אויף די גרויסע הוצאות.

ביים סטאָלער, א קאָסטן,
ביים גלח, די תפילה...
די חובות באַלאַסטן.
דעם מת — באַדויערט ניט אפילו.

צווי ציען דעם שטעקן,
יעדער, דעם קונה, צו זיך.
באַלד — געשריי הילכיקן:
דעם גוי באַראַבעט איך.

דיין טאַטע לעבט נאָך?
פרעגט איינער דעם פויער.
ער וואַרט א וואָך נאָך א וואָך.
וויפל איז דער שיעור?

עס קנייטש דעם שטערן
דער תבואה פארקויפער,
האלט אין איין קלערן:
וואָס מאַכן, וואָס קויפט ער?

ווייץ, גערשטן, קאָרן?
זשעפּאַק, פּראָסע, האָבער?
אַלץ געפּלאַנט געוואָרן,
מזומן, ווו נעמט מען אבער?

שיקט ער זיין ווייב בעטן
א הלואה ביי די אלע
ווי שווער אים די שוועל בעטרעטן
און זי, איז ניט שמיאַלע

אָט שטעלט זיך דער טאָרג.
דאָך זי געהט, זי געהט.
ס'האַרץ פול מיט זאָרג:
צוריק געבן צו דער צייט.

פון וועגענער, מיט זעק געפּאַקט.
שטייגן גענזענע דזשאָבעס...
ציען זיך איבער טראַקט.
אייער, הינער, ביי די באָבעס.

פון יעדער גאַס און עק.
בהמות, עופות, פון יעדן מין.
יידן טאַפּן די זעק.
ווייבער, אויף שבת, אַ הין.

צו דער „טאַרגאָווישקע” ווייטער,
קומען פּוערים צו גיין,
מיט קו, ניט־דערמאַלקענע אייטער.
מען קוקט אין די ציין.

מען רייט איבער פערד.
„קאָניאַזשעס” זוכען אַ חסרון.
מען שאַצט די ווערד
לויט די ציין די יארן.

מלבושים אַרויסגעהאָנגען.
פאַרן קלענסטן און גרעסטן.
ביי אַ רייע שטאַנגען
שטייען טאַנדייטער און מעסטן.

און דער היטל-מאַכער —
אַ באַגאַכטע באַסאָווע שטים.
אויף אַ פּאָליצע העכער.
אויסגעלייגט זיין קראַם.

עס גלאַנצן „דאַשקעס”
אויף אויסגעלייגטע פּאָלעצעס,
נאַציאָנאַלע „מאַטשעיאָווקעס”
יידישע היטלען, פּוערישע צאָפּעס.

שניט-צייט אין גאַנג.
פּוערים גיבן צו לייזן,
סערפּן, קאָסעס, לויטן קלאַנג,
אין די קראָמען פון אייזן.

טישן בעטן, שלאָף-בענק,
טאַטעס און יינגע זין.
אויסגעשטעלט אין דער לענג,
קופערטס, געפאַרבט אויף גרין.

פון פּוערים, פּויערטעס, אין שענק
הערט זיך — קומיע, קומאַסקאַ!
אומרואיק אויף די בענק...
מ׳רופט — יעזוס, מאַטקאַ באָסקאַ.

אַ יונגע מאַמע גליקט,
אַ גליק! וואס אָך און ווײ.
אַ פּוער, זיך פאַרקוקט...
אין וויגל אביסל היי...

דער יאריד זיך צעגייט.
יידן, גוים אויפן וועג אהיים
אין דערפער, שכנות-דיקע שטעט,
איבער בלאָטיקע וועגן און ליים.

די געוועלבער געפאקט,
מען דינגט זיך די פרייז.
דער אויוועז באקט...
מעסט, וועג און לייז.

ווייבער, ביי די שטעלן,
פאר גוים, גויעס, מעסטן,
העמדער, האלקעס, טאשמעס, קרעלען,
פונם שענסטן און בעסטן.

פויערים, פוירטעס,
ווייסען יידעשע מנהגים,
יידן, זיירע חגאות —
לעבן צווישען זיך בשלום.

קומט דער פרייטאָג,
בעפאלט זיי א רייץ,
קוקן מיט ווייטאָג —
געבעקס, פון זייער ווייץ...

מיר זייען, שניידן די תבואה.
גרייטען צו אַלעם
די „זשידעס" זיך ניט באַמיען,
באַקן קוכנס, חלות.

די איינציקע מערכה
ווען גוים קומען,
צום קרעמער און בעל-מלאכה
קויפן פאַר מזומן,

צאָלט מען אַ חוב,
פון פאַרגאַנגענער וואָך.
נאָך דעם פערקויף —
אין קעשענע, אַ לאָך...

פרייטאָג פאַר-נאַכט,
שטיל ווערט אין שטאָט,
שטעלן, קראָמען פאַרמאַכט,
יידן גען אין באָד.

זומער, אין טייך.
שווימען טשעקאַוויע
קאסטיומען — גלייך
ווי אדם און חוה...

פלוצלינג, אַ געשריי,
מען לויפט געשווינד,
פון דער לאַנקע היי,
דער גוי מיט זיין הונט.

דאַשראַקענע, בלייך,
אויף זיך — דאָס העמד,
ווער אָרעם? רייך?...
לויט דעם העמד, מ׳דערקענט

געלייגט נאָדל און שער,
קרעמער — מאָס און געוויכט,
פון באַן — דער שפילעטער,
ווייבער צינדן ליכט.

ס׳פאַרשפעטיקט דער בעל־עגלה
די פאַרענדיקטע וואָך,
אויסגשפאַנט די פערד מיט אַ קללה,
אין שבת־אַריין אַ שטאָך...

ווינטער — דער פראָסט,
זומער די היץ.
קיין צייט געלאָזט
צו גיין אין שוויץ.

מיט אַ זוידע אויף דער פּלייצע,
דאַרף קומען אַ לויפער,
צו־פוס, קיין אַנדערע עצה,
קוקט־אויס דער סוחר.

פון טאָג צו טאָג
ווערט דער לויפער ניט מיד,
אַ וואָך, ניט באַנוצט די וואָג...
דערשלעפּט זיך נעכטיקן צו אַ ייד.

קויפט אַ בינטל שטרוי,
אין די בעטן פאַר ביידע,
וואס געשענקט האָט אַ גוי,
אַ באַקאַנטער פון זיין זיידע.

* * *

יידן קומען פון יאריד,
אורחים אנגעלעגטע געסט,
גיט זיי שלום יעדער ייד,
נעמט שבת אָן אויף „קעסט".

נעבן פענצטער זיצט די מאַמע,
לייענט הארצוג וואָרט אין וואָרט.
איז זוכער אַז אין הימעל
גאָט אליין הערט איין זיך דאָרט.

גרייט צים טיש די מאַמע,
פאַרוויט'לט און מלא-חן,
אירע אויגן גוטע, פרומע,
לויטער צנועתדיג און ריין.

מען פאַרגעסט אַצינד,
„שבתדיק" געגרייט דער טיש,
אַ וואָך אַוועק ווי אַ ווינט,
מ'האַלט ביי די פיש...

באַדאַנקען מיט אַ זמר,
יעדער, זיין שטייגער,
בעל-מלאכה, און קרעמער,
בעל-עגלה און טרעגער.

דער אפקורס פון אַ מאָל
צו שבת אַ השובער גאַסט
געקומען פון ארץ ישראל
מ'לאַכט מ'שפּאַסט...

היינט איז שבת
עס רוען די פערד,
די גוים, די באַבעס?
ווער זיי הערט?

די שפּאַציר'ענדע צום גיעט...
באַגלייטן די דזשאָבעס,
ווו דער קאַשטאַן צעבליט,
ווי אַ זמר לכבוד שבת.

די יוגנט ביים שפּאַציר,
טרעפט זיך ביי די בריקן.
ניט פאַר אייך, ניט פאַר מיר,
זיי נאָך צו קוקן.

צווישען שוועסטער און ברידער,
אָן תכלית, אָן ציל,
ברענגט צו שטענדיקען געדודער,
זעלטן ווען ס'שטיל,

שבת, אַ הייסער טאָג,
ס'וויל זיך אַ טרינק אַ קאַלטן,
געשלאָסען דער ראָג,
פשוט, ס'לעבן צו דערהאַלטן.

שיקט מען צוויי יאַטן
מיט אַ קאַן אויף אַ שטעקן,
נאָך אַ טרונק פאַר דעם טאַטן,
געטראָגן ביי די עקן.

אויף דעם וועג פונם ברונעם
דאָרשטיקע פּאַראָן.
קוים אַהיים געקומען
מיט אַ ליידיקער קאַן...

עס גרייט צו דער בעל־עגלה,
די פערד, צום וואָגן
באַלד נאָך דער הבדלה,
פאָרן־וועז ס׳פאַנגט טאָג.

★ ★
★

זונטאָג פרימאָרגן,
זוכט דער קרעמער אַ הלוואה
די איינציקע זאָרגן,
נאָר אויף דער הוצאה.

וואָס שייך אויף סחורה?
האָט מען ניט קיין זאָרג,
ס׳איז אַ אַלטע תורה...
מען באַקומט אויף באָרג.

מען הויבט אָן זען,
ס׳דערנענטערט דער ווינטער,
ווען ס׳קומט אוים געהן,
ביי פרעסט און שנייען, אַרינטער...

קאַרטאָפל, כאַטש אַ קאַרץ,
וואָס צעשיטן זיך ווי מעל,
עם דערכאַפּט ס׳האַרץ,
די סלינע קומט אין קעל

קוילן, האָלץ,
דאגות אָן אַ צאָל,
פּסח׳דיק שמאַלץ,
אַלץ מיט אַ מאָל,

פאַרלאַנגען קליינע,
דאָך גיט מען אַ שבח,
אַבי ניט צו וויינען,
ווען איבערן קאָפּ אַ דאַך,

אַ רעגן, ווען ס׳טרעפט,
עס רינט אַריין אַ ביסל,
רוקט מען איבער ס׳בעט
און אונטערגעשטעלט אַ שיסל...

ווענט באַהאַנגענע מיט בילדער,
גאַנצע משפחות צוזאַמען
עלטערן, געשוויסטער, קינדער,
געגרעמט אין ראַמען.

כסדר דאָס בענקען,
צו זיין באַנאַנד,
טראַכטן או דענקען.
ברעכן די וואַנט...

וואַרטנדיק, עלנט,
האָפן, אפשר אַמאָל,
ניט בלייבן פרעמד,
פאַרן קיין ישראל.

הייגט זונטאָק, פרי
דאַרף מען זיך ניט איילן,
ביי די גוים איז רו,
אין בית־המדרש צו ווײַלן,

כאַפּן אין אַ ספר אַ בליק,
דער איינציקער טאָג אין וואָך,
ווען מ׳הערט אַביסל פּאָליטיק,
פאַר איר — פאַרלאַטן אַ לאָך.

אין שטוב, אַ שיף אָן אַרודער...
מיט יינגלעך, צו דערליידן,
מען שיקט זיי אין חדר,
אַנדערש, מיט די מיידן.

די קליינע, שפּילן שוין אַ ראָלע,
פאַרקעמט די קעפּלעך.
זיי לערנען דאָך אין שקאָלע,
באַנד אין די צעפּלעך.

לערנען בעסער ווי די שיקסלעך,
דער לערער געמוזט זאָגן,
מודה זיין צוביסלעך,
די שיקסלעך אין די אויגן.

דער צווייטער טאָג אין וואָך,
אויך, ווען ביי זיי איז רו,
דריאָגן די מיידלעך דאָך,
ווען אין שטוב לערנען זיך צו.

די דערוואַקסענע אַרבעטן צו פאַרדינען,
דער עיקר פאַר טאַטע־מאַמע,
די קליינינקע זשומען ווי די בינען
אין איין צימער צוזאַמען.

דאגות וועגן שיך און קליידלעך,
יונגע עלטערן, גראָע האָר,
ווען ס׳וואַקסן אונטער מיידלעך
עלטערט זיך, אַטאָג — אַ יאָר.

אָט שטייט דער בעקער,
פאַרצווייפלט זיין לאַגע,
מזומן פאַר דעם האַלץ־העקער,
אייגענטלעך אַ קליינע דאגה.

שייך מיט מעל? איז אַזוי:
דער מעלער איז דאָך אַ ייד,
אַנדערש איז מיט אַ גוי —
„זאַפלאַטש״! „פאַרשיווי זשיד״...

קוקט ווו דער קצב,
שטייט פאַרביטערט,
אין זיין שווערן מצב.
ווען דער רב בלעטערט...

א סרחה אויף דער לונג,
פון אַ געשאָכטענער בהמה,
די שאלה איז ניט גרינג —
זיין פערמעגן אין סכנה.

אָט הערט זיך אַ רוף
פון שוחט, ביי דער הריבע
פאַראַן אַ סעיף,
ווען א הפסד מרובה...

דאָס האַרץ קלאַפּט,
א שטאָט מיט קונים,
אַ ספרל דערטאַפּט —
כשר! לויט די אחרונים...

ער האָט אין זינען,
נאָר ניט פאַרגעסן,
שבת, פון זיין מנין
אַן אורח צום עסן.

דער פרילינג האָט באַבלומט אַ שוים...
ווען שפּעטער כ׳גיב אַ בליק,
באַפרוכפּערט איז פול דער בוים,
אין סאַד, ביים סאַדאָווניק,

געקומען דער אייביקער שונא,
דער האָגל, דער ווינט
געלאָזט ווייניק פאַר אַ קונה
און פאַר זיין הויזגעזונד.

דער הימל פאַרכמארעט.
אָנהויב די הייליקע טעג.
מען בעזוכט דאָס אָרט
ווו דער לעצטער וועג...

וואָס פאַרבאַרגען און דערשטיקט
פאַרטרויט מען די ערד,
ווו דער נאָנטער ליגט,
ווי די וואָלטן געהערט,

ווען געבויגן איבער די קברים,
ניט פאַראַן קיין קנאה,
צווישן רייך און אָרעם,
אין אַ ישועה די אמונה...

פאַר די ימים־טובים גראָד,
רעגענדיקע טעג, נאַסע,
זיצט דער ייד אין סאָד,
היט די פלאַמען אויף דער „לאַסע",

פאַרלאָזט די „בודע" אין סאָד,
שטעלט ער די „לאַסע", אַ וואַגט
אַ בודע מיט „סכך" אין שטאָט,
נעבן דער שול איז באַקאַנט.

פרוכטן די פאַרבליבענע אויפן בוים,
פעסלעך זעקלעך, ענג
אין שטוב, אויסדרייען זיך, קוים.
די בעטן, אין דער לענג...

ערב סוכות, גאַנץ פרי,
וווערט אויף־געוועקט ס׳שטעטל
מ׳קלאַפּט מ׳גרייט צו,
געהאַקטע פיש, אויף אַ ברעטל,

קעלביקס פריש, גלייך פון דער זשיקע,
גרייט מען צו, פּאַרציעס שיינע
דערלאַנגען פאַרן מאַן אין דער סוכה,
איבער צו שטייגן יעדע שכנה...

טיכער, באהילט די קעפּ,
די ווייבער ביי די שטעלן,
אונטער זיך, פייער־טעפּ
הענט און פים געשוואָלן,

איר קאָנט זיך דערמאָנען?
ביים ברונעם, אַהין און צוריק,
די וואַסער־טרעגערין, אַרום די קאַנען
אַ פּאַפּרווירענעם שטריק.

ווען זאַוויערוכעס ווייען
מיט וואַסער איבער די הייזער,
אונטער רעגנס, שנייען,
באַפאַלט מען זי מיט געבייזער:



נאָך ניט געוואַשען ס'פּנים!
כּאַטש צאָל מיט רענדלעך,
ס'געדויערט ימים ושנים,
וואָסער? האַלבע קענדלעך...

אין דער היים, קינדער פּיצלעך,
גיט זי זיך די מי.
געלאָזט ביים מאַן, אַ לא יצלה,
די שפּייזערן, איז זי

די שויבן, באַדעקט מיט אייז,
פון קוימען כּסדר א רויך.
אַ קאַץ צום פערטרייבן מייז...
ווער האט צו דעם כּח?

שבת פרי, אַ קעלט,
שפּעט דער זייגער,
שויבן פאַרשטעלן די וועלט,
מ'טולעט זיך אין געלעגער.

דאָס האַלץ פייכט,
די הייצערין צו פאַקן
ניט אַזוי לייכט,
אַ שטיקל קין צו האַקן...

און די וועש איז דאָך קודם
נאָך די אַלע גליקן
גנבעט מען פונעם בוידעם...
זאָל זיין, ניט טרוקן...

ווען צוויי חתונות אין שטאָט,
אַלע פריילך גלייך,
עס דרייט זיך אַ ראָד,
אָרעם און רייך,

דער בדחן ווערט ניט מיד,
צו ווייזן זיינע וווּנדער,
כסדר דאָס זעלבע ליד.
ס׳לאַכן דערוואַקסענע און קינדער.

ווען די שטומע מצבות,
זאָלן ריידן און הערן,
וואָלטן זיין עדות,
וועגן ימים טרערן,

וואו נעמט מען כח,
איבערצוטראָגן די שרעק?
ס׳פערנעמט ניט דער מח
אַז פון מיינע יידן, אַן עק!!!

אונ הער זייערע שטימען
אַט זע איך זיי וואַרטן,
ביים שטיינערנעם פּאַרקן,
ביז מיין קומען...

צו אייך אויסגעוואנדערטע פון יידשן שטעטל אין מזרח-פוילן בכלל און פון אונזער שטעטל בפרט. א פאר ווערטער;

די בייגעליינטע "פאעמא", וועלכט דערמעגליכט אונז צו זען די אלע, צווישען וועלכט מיר האבן געלעבט, האבן מיר גענומען אויף זיך די איניציאטיווע צו שיקען דאס דערמאנטע ווערק מיט פאלגענדער אויפמערקזאמקייט. דער מחבר שמואל גאלדוואסער, טראָץ וואס ער שענקט אונז די גרויסע מתנה אין גייסט, אין אזא פארם וואס איז זעהר זעלטן געשילדערט געווארען פון קינסטלער, האט ער אויך אינוועסטירט דעם פינאנציעלן באטרעף, וועלכער איז פערבינדען מיט דער דערשיינונג. האפענדיק, אז יעדער פון אייך וועט וויסען צו שאצן די בעשיידענהייט פון מחבר צו זייך אבהאלט פון צו צייכנען א פרייז, וועט וויסן אליין "אויסצודרוקן" דאנקבאר-קייט און שיקען זייך איבערווייזונג לויט פאלגענדע אדרעס:

א. ~~דאבן דעם ביגעלייגטן פאסט-שעק. (בנק הדואר)~~

ב. שעק לויט דעם אדרעס פון מחבר שמואל גאלדוואסער, רחוב אסף 15 רמת-גן.

מיט כבוד, די שטעטישע פון מחבר.

אפשטיין יחזקאל,
אייזענבוך יצחק,
גאלדוואסער אשר.

פינטוך לייבל,
קארמעסער שלום,
גאלדבלום אברהם.